# פרשת תולדות

## בס״ד. משיחת ל״ג בעומר ה׳תשמ״ג בעת ה״פאראד״

הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דא אַ וואונדערליכער מדרש, וואס באגרינדעט און פארשטארקט נאכמערער: ווי אַזוי קען אַ קליינער קינד אין יארן – אָדער אַ קליינער "קינד" אין וויסן די ענינים פון אידישקייט – אַיינהאלטן זיך, ווען אים ווילט זיך צונעמען אַ זאך ביי אַ צווייטן – ווארום די זאך איז זייער אַ געשמאקע – אָדער על-כל-פנים מסיג-גבול זיין, אַז מ׳קען קויפן אַ טאי אָדער אַ"צוקערקע", און אַ צווייטער – אָדער ערשטער – געוועזן וואס וויל דאס קויפן –

דארף מען זיין אויסגעהיט אויף ניט מסיג-גבול זיין און זאגן דעם פארקויפער, אַז איך וועל דיר געבן מער מיט אַ פעני און גיב דאס מיר אָפּ, וואס דאס איז דאך "עלך סני[1]": ווען מ׳וואלט דאס מיט אים געטאן וואלט ער דאס ניט געקענט ליידן.

פון וואנען קען מען דאס נעמען כח?

זאגט דער מדרש[2], אויפן פסוק "אלקים נצב בעדת א-ל בקרב אלקים ישפוט[3]", אַז דער אויבערשטער זאגט, אַז ער געפינט זיך און ער שטייט "נצב" מיט דער גאנצער שטארקייט, "בעדת א-ל", אָט דארט וואו ס׳געפינען זיך אַן "עדה", מערערע מענטשן, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט א-ל, מיט אויבערשטן, מיט ג-טליכקייט.

דערציילט דער מדרש: ווי איז דאס געקומען? אַז דאס האט צום ערשטן פאסירט מיטן ערשטן אידן, וואס דאס איז "אחד היה אַברהם", וואס בשעת אַברהם אָבינו – וואס דאס איז געווען דער ערשטער איד און פון אים שטאמען אַלע אידן, ביז קליינע קינדער פון צווישן אַייך און איר אַלע צוזאמען – איז ער געווען "יושב פתח האהל[4]", ער איז געזעסן אין דעם טיר פון דעם עפענונג פון זיין געצעלט. און "וירא אליו הוי׳[5]",

---

1) גמרא שבת דף לא ע״ב.

2) ילקוט-שמעוני תהלים רמז תתלא; תנחומא (באבער) וירא ד׳; אגדת בראשית פרק יט.

3) תהלים קאפ׳ פב פסוק א׳*.

4) פרשת וירא פרק יח פסוק א׳.

5) שם.

*) ולהעיר שע״פ המנהג לומר בכל יום הקאפיטל תהלים המתאים לשנות חייו, התחילו בי״א ניסן שנה זו (תשמ״ג) אמירת מזמור פ״ב בתהלים.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תולדות

און דער אויבערשטער האט זיך צו אים באוויזן, האט אַברהם געזאגט צו דעם אויבערשטן, אַז ס׳האט קיין אָרט ניט, אַז ער זאל זיצן בשעת דער אויבערשטער באווייזט זיך צו אים. און אַברהם איז געווען בשעת מעשׂה, בשעת "וירא אליו הוי׳", דער אויבערשטער האט זיך צו אים באוויזן דעמאלט – איז ער געווען זיצנדיקערהייט.

האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, אַז ער זאל בלייבן זיצן, און דער אויבערשטער האט דעם פארגעניגן, אַז ער שטייט לעבן אַברהם אָבינו (וואס) בשעת אַברהם אָבינו האט מקיים געווען מצוות און מכניס אורחים געווען און פאר דערויף פארשידענע מצוות,

און האט אים מבטיח געווען, אַז אַזוי וועט זיין לעתיד לבוא, אַז אַזוי ווי ביי אַברהמ׳ען וועלן געבוירן ווערן אייניקלעך און אור-אייניקלעך עד סוף כל הדורות, און בשעת זיי וועלן נאך זיין גאר קליין – ווי דער לשון איז: אַלט דריי-פיר יאר – און זיי וועלן גיין אין אַ בית-ספר, אין אַן אָרט וואו מ׳לערנט מיט זיי תורה – וועט דעמולט זיין אלקים נצב בעדת א-ל", אַז די קינדערלעך וועלן זיצן און לערנען תורה זיצענדיקערהייט, און דער אויבערשטער האט דעם פארגעניגן, אַז וויבאלד אַז דאס רעדט זיך וועגן אייניקלעך פון אַברהם אָבינו, און דאס רעדט זיך ווי זיי זיינען פארבונדן מיט "א-ל", מיט ג-טלעכקייט, דורך לערנען זיין תורה און מקיים-זיין זיינע מצוות – וועט דער אויבערשטער דעמולט שטיין אויף זיי, און אויסהיטן זיי, און באהיטן זיי, ווי איר פריער האט אויך געהערט אַז "הנה הוי׳ נצב עליו",

איז דער מדרש נאך מוסיף, אַז דאס רעדט זיך וועגן קליינע קינדער, נאך אָנהויבנדיק ווי זיי זיינען אַלט דריי-פיר יאר,

און דער אויבערשטער שטייט דעמולט אין אַן אופן פון "נצב", ווי דער לשון אין תורה איז, וואס "נצב" באווייזט אויף די גאנצע שטארקייט.

וואס די שטארקייט ווערט איבערגעגעבן צו די קינדער, אַז זיי זיינען מבטל און רעכענען זיך ניט לגמרי מיטן יצר, וואס דער יצר וויל זיי אַיינרעדן, אַז וויבאלד אַז די צוקערקע איז אַ געשמאקע און די טאַי איז אַ שיינע, דארף ער זיך ניט רעכענען וואס אַ צווייטער קינד איז געווען דער ערשטער וואס האט דאס געוואלט האבן, און זיכער דארף ער זיך ניט יאגן אויף אָפּגעבן כבוד דעם צווייטן קינד –

איז ער אינגאנצן מבטל, אַזוי אַז דער יצר האט קיין באטרעף ניט ביי אים, ווארום ער גייט מיט "אלקים נצב בעדת א-ל", מיט דער שטארקייט פון דעם אויבערשטן, וואס ער איז "משמש אַת קוני",

און אַט דעמאלט ווערט זיכער דער יצר אינגאנצן בטל, און מ׳ווערט אויסגעהיט סיי אין "סור מרע"



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תולדות

סיי אין "עשׂה טוב" ביז אין דעם אופן פון "נוהג כבוד זה בזה", אַז מ׳גיט-אָפּ כבוד איינער דעם צווייטן.

וואס אָט דעמולט ווערט אויך "כולנו כאחד", אַז אַלע אידן ווערן פאראייניקט צוזאמען ווי איין זאך,

וואס אָט דעמולט ווערט "ברכנו אָבינו", אַז דער אויבערשטער בענטשט אונז מיט אַלע ברכות, און זיכער מיט דער הויפּט ברכה און דער עיקר ברכה, אַז במהרה בימינו ממש, גאר אינגיכן, "נאו", נעמט דער אויבערשטער אַרויס יעדער קינד און אַלע קינדער, צוזאמען מיט זייערע ברידער און שוועסטער און עלטערן און באבעס און זיידעס, "בנערינו ובזקנינו, בבנינו ובבנותינו".

—— • ——



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.